אין צווייטן טייל פון אונזער נאכמיטאג האט די שרייבערין קיטי בראון פארגעלייענט אירס א געלונגענע פסח־דערציילונג פון אונזער לאנדאנער יידישן לעבן—יא, די דערציילונג האט אין זיך א שטיק ווייטאק פון אונזער ווייטשעפל! ביעטש האט פארגעלעזן א פסח־הומארעסקע פון שלום־עליכם. דער פארזיצער האט נאך געלייענט ערב־פסח־באלאדעס און דאס ליד „צו די קארפאטן יידן“. ער האט אויך נאך גערעדט צום סוף איבער דעם סימבאלישן ענין פון קרבן פסח און פון אונזער לעבן איצט אין אייראפע.

כדי אונזער יום־טובדיק „פסח־און פרץ־העפטל“ זאל זיך ענדיקן בכי־טוב, ווילן מיר נאך אויפשרייבן די מלתא־דבדיחותא, מיט וועלכע רעוו. ה. מייראוויטש האט געענדיקט זיי רעפעראט:

א ייד, אן ארעמאנער פלעגט איינלאדן אלע יאר צום סדר זיין פריץ, איין־מאל, נאכדעם ווי דער פריץ האט שוין ביגעוווינט דעם סדר אייניקע מאל, ווען דער ייד איז צוגעקומען צום „לשנה הבא בירושלים“ און דער פריץ זיצט דאבייי, בלייבט דער ייד זיצן מיט די אויגן צו דער סטעלע, און אנשטאט צו זאגן „לשנה הבא בירושלים“, זאגט ער: „רבונא של עולם, כ׳שעם מיך דאך שוין פארן גוי! פאר יאר געזאגט, פאר צוויי יאר געזאגט, פאר דריי יאר — — ווען וועסטו אונז שוין באמת אויסלייזן, רבונא של עולם“ — — —

## יידיש - ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38 אדלער סטריט.—3 אזייגער נאכמיטאג).

שבת, דעם 8־טן אפריל, דעם ערשטן טאג פסח, וועט זיין דער טראדיציאנעלער שבת לכבוד פסח, מיט פארלעזונגען און דעקלאמאציעס פון אונזערע קלאסיקער, שרייבער און פאעטן.

שבת, דעם 15־טן, אחרון של פסח, וועט זיין ווי אלע יאר א גרויסע י. ל. פרץ פייערונג. משה עובד וועט רעדן איבערן שאפן פון י. ל. פרץ. די שוישפילערין הארא דימאנט וועט פארשטעלן דעם „משוגענעם בטלן“: אייזיק גאלדבערג און ביעטש וועלן לייענען פון פרץ׳עס דיאלאגן און דער־ציילונגען דער באקאנטער חזן פ. פיגענבלום וועט זינגען פרצעס לידער.

שבת, דעם 22־טן, וועט זיין געווידמעט דעם שאפן פון שלום אש. מ׳וועט פארלייענען פון אשס ווערק און רעדן איבער זיין שאפן.

שבת, דעם 29־טן וועט דער ארבעטער־און קולטור־טוער י. ראלין האלטן דעם דריטן פארטראג פון זיין סעריע „יידן אין לאנדאן“: די איינ־וואנדערונג פון די סלאווישע לענדער.

א. נ. שטענצל

פערלאג און דרוקעריי י. נאראדיצקי און זין, קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1

פרייז 1 שילינג

TOWER
HAMLETS
LIBRARIES



# אונזערע קדושים און העלדן

## אויף די קברים פון די געטא-העלדן

(אזעלכע פרילינג־וואריאציעס הייאר צום 1־טן מאי)

.1

פונקט ווי זיי וואלטן פון בלוט איבערגעגאנגען
שטייען די אפענע טולפן רויט אין דער זון —
פול אנגעזאפט איז די ערד מיט מענטשלעכן בלוט,
אז פון די טולפ־ראנדן איבערגייט אזש דערפון!

און די זון איז זי נישט אזא אנגעזאפטע?
ווי גרויליק בלוטיק זי טריפט דאס איבער מיין קאפ!
א, מיין הארץ, א פארגליווערטס, אן אויפגעציטערטס,
עס איז הענגען געבליבן אין מיר אזא טראפ — — — —

.2

ניין, נישט גרעזער איז עס צעגלאנצט אין פרילינג טוי —
זיין גאל ס׳האט גאט אויסגעשפיגן אין זיין לייד!
„יבש חציר, נבל ציץ, כי רוח אדוני —“
שעפטשן מיינע ליפן די ביטערע רייד.

און צוגעפאלן מיטן פנים צו דער ערד,
רייסן זשמעניעס גראז פערקראמפטע מיינע הענט.
צעווארפן עס אויף הינטערוואלעכס, אויף דער וועלט —
אונזער ברודער־קבר, וואס נעמט נישט קיין ענד.

## ווי די ליבע און ווי דער אייביקער טויט

אלע יאר ווען די בעז־ביימלעך וועלן בליען
און די שוואלבן אנציען איבער די שטעט,
וועלן מיידלעך זינגען אין זייערע לידער,
פון דעם גרויליקן וואס מיט אייך איצט געשעט.

אין זייער טיפן צער זיי וועלן פארגעסן,
אלץ פארטיפטער זינגענדיק דאס ליבע־ליד!

מיט אייער טויט, אייער וואונדערלעך הייליקן,
וועט אויפלייכטן זייער אומעטיק געמיט —

שטיל וועלן שטיין די בליענדיקע בעז־ביימלעך
און די שוואלבן, מיטן אין זייער אנפלי;
אין דעם וויינענדיקן פון די ליבע־לידער
וועט ס'פארלאשנסטע הארץ שוין טון א צעגלי —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווי דער בליענדיקער בעז און ווי די שוואלבן,
ווי די ליבע און דער אייביקער טויט,
אזוי וועלן שוועבן אייערע נעמען איבער די שטעט,
ווען זיי וועלן ווערן צוריק אויפגעבויט.

## ברידער אונזערע ברידער

בוימער קנאספנדיק אין דער זון,
אויסשטרעקנדיק די גלידער,
הימליש ליכט אראפצוברענגען,
אויף דער ערד אין דער נידער;

אזוי צארט פארצערטער ציטער,
ברידער אונזערע ברידער,
אויפקנספנדיק אויפצוברעכן,
מיט ליה פון אלע לידער

און אין אייערע געזאנגען
אויפוואכן וועלן ווידער,
געפאלענע געקוילעטע,
ווי די אבות אין סידור —

מיטדערלעבנדיק די נסים,
איר דארט אונזערע ברידער,
זינגט אויף, זוניק זינגענדיק,
דאס ליד פון אלע לידער.

## צו אייראפע

דארנדיקע קזשאקעס, פארטייעט־צעקרימטע,
מיט רויזן־קנאספן אויפגעבראכן צו ווערן,
שטייען די שטעט אצינד, הארכנדיק, ווארטנדיק,
זייער וואונדערלעכן אויפבראך צו דערהערן.



און ווי אין די גערטנער די שלאנקע גליאדיאלן,
אויף בלאנק פון אייגענע בלעטער אויפצוצוויטן,
אזוי לייכט בליצן־אויף געשליפענע מעסער,
אין שטעט גרוילעך אזוי און בלוטיק געליטן — — — —

.2

אינם שטאם פון א ווערבע קלאפט דער פיקהאלץ אויס
אין געהיימער שריפט א לאנגען מארזע־שטרייפן,
מיט יעטווידן פינקטלעכן אפגעציילטן קלאפ,
ציטערט דער שטאם מיט, די סודות צו באגרייפן — — — —

און פון א ווייטן בוים ס'הילכן פון א קוקוק:
(נישט יארן, חדשים — טעג ציילט ער, מינוטן!)
„קוקו־קוקו" און וועט עס נאך לענגער דויערן — — — —
„קוקו־קוקו" וועט די גאנצע וועלט פארבלוטן — — —

## סעוואסטאפאל

אן אונטערגעהאקטער דיקער שטאם,
האמעטנע פאלנדיק און ווי שווער,
אזוי טיף אין מיין הארצן דעמלט — —
אצינד נאך דעם ציטער איך דערהער!
סע—וואס—טאפאל — —

איצט ברעכט ער ליכטיק אויף דער נאמען
מיט יעדן קנאספל, מיט יעדן בליט,
און די אנציענדיקע פייגל
אים אויסצוזינגען ווערן נישט מיד:
סעוואסטאפאל! סעוואסטאפאל!!

די בשורה, די אויפגעציטערטע,
זיי טראגן זי איבער גארער ערד!
א, אז יעטווידער געפאלענער
אין זיין קבר די בשורה דערהערט —
סע—וואס—טא—פאל —

קנאספעט ער ליכטיק אויף דיין נאמען,
מיט געצייטיקטן מיט רויטן מאן!
פאר דיינע העלדן, רייטנדיקע,
פאראויס איצט א פלאטערדיקע פאן:
סעוואסטאפאל! סעוואסטאפאל!!

## צו סאוויעט־רוסלאנד

(געווידמעט אונזערע העלדן אין סאוויעט־רוסלאנד)

.1

אן אויפגעבליטער סלאנעטשניק גרויס אין דער זון,
פול מיט זיינע ווימענדלעך צו צייטיקן,
שטייסט דו איצט מיט דיינע אויפגעבראכענע שטעט
און מיט אפענע וואונדן וואס ווייטיקן.

און די עראפלאנען—די זומער־פייגעלעך
זוימען־שטויב מיט פליגעלעך צוצעשטויבן!
דיינע צוריק אויפגעבויטע שטעט וועלן זיין
די פעסטיגנגען פארן מענטשלעכן גלויבן.

.2

זייגען דען נענוג רויזן פאראנען הייאר,
דיינע העלדן זיי צו טראגן אנטקעגן?
און פאר די אומגעקומענע, געפאלענע,
אויף זייערע ברידער־קברים צו לייגן?

יא, אין דיינע דערפער, פאר די כאטעס אצינד,
שטייען שוין גרייט די פייגל אויף די צוימען,
דאס ליד פאר די אהיימקומענדיקע העלדן
עם אויסצוטשוויטשערן נישט צו פארזוימען.

א. נ. שטענצל.

---

דוב ווארשאווסקי

## „ווירטוטי מיליטארי“

(ל״ג בעומר און די קינדער־קדושים — לזכרון)

פאריתומט און פארשטומט וועלן זיין היינטיקן ל״ג בעומר די פעלדער און וועלדער פון פוילן און ליטע, פון ווייס־רוסלאנד און אוקראינע. שוין ניטא מער די קליינע יידישע קינדערלעך, וועלכע פלעגן אין דעם טאג פארהילכן די לופט מיט זייער הארציקע זארגלאזע געלעכטערס; מ׳הערט שוין מער ניט דארט, אין די היימישע שטעט און שטעטלאך, זייערע געשרייען און געזאנגען; מ׳הערט שוין מער נים דארט דעם עכא פון די שיסערייען פון די קינדערשע שפיל־ביקסלעך און פאטראנען, וואס האט סימבאליזירט א יידיש־טראגישע עפאכע פון דער גאר לאנגער פארגאנגענהייט, ווען יידן, ווי היינט, האבן געלעבט א מארטירער לעבן אין היילן און אין גריבער, און יידישע קינדערלעך פלעגן ארויסקומען מיט זייערע רביים, כלומרשט צו פארווילן



זיך, און דערווייל דורך פארשידענע קלאנגען פארשטענדיקן די מארטירער און באזארגן זיי מיט שפייז (לויט איין מסורה—ווי רבי שמעון בן יוחי).

ל״ג בעומר איז געווען א ספעציעל קינדערשער יום־טוב, ווייל אין דעם טאג האט זיך אפגעשטעלט די מגפה (ר״ל), וועלכע האט אויסגעבראכן צווישן רבי עקיבא׳ס 24 טויזנט תלמידים (לויט אן אנדערע מסורה,—מיט דעם טערמין „מגפה“, קאן זיין, מיינען די חז״ל דעם אויפשטאנד, וואס רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים האבן געפירט צוזאמען מיט בר כוכבא׳ן קעגן די דעמאלטיקע באדריקער און רבי עקיבאס תלמידים זיינען געפאלען אין שלאכט . . . .).

פארשוואונדן זיינען געווארן די גרויסע מחנות יידישע קינדער, צופערטעלטע, צושניטענע, מאסאקרירטע ליגן זיי היינט פארשטופט און פארשאטן אין לעכער און אין קברים, וועלכע זיינען אין די טויזנטער צעשפרייט און פארזייט איבער די פעלדער און וועלדער פון אוקראינע און ווייס־רוסלאנד, איבער ליטע און פוילן א.א. עס שיסן שוין היינט נישט מער דארט קינדערשע שפיל־ביקסלעך, נאר ביקסן, אמתע ביקסן פון דערוואקסענע, פון באוווסטזיניקע, פון געבילדעטע—פון מערדער און קינדער רוצחים.

אין צענדליקער און הונדערטער שטעט און שטעטלעך, ווו יידישע קינדערלעך האבן זיך אמאל געשפילט אין שוים פון טאטע־מאמע, איז היינט קיינער ניט פארבליבן פון זיי. „קיין ייד ניט געפינען“....

די קינדער זיינען נישטא, טא ווער וועט פייערן דעם ל״ג בעומר? ווי קען מען זיך פרייען, ווי קען זיין פרייד אן קינדער? ווער קאן נאך לאכן אזוי הארציק ווי קינדער? און ווער און וואס קאן נאך אנפילן א מענטשנס הארץ מיט געוויין ווי דער צער פון א קינד? . . . .

מאכן הספדים, רופן אנדענקונגס־פארזאמלונגען, דערמאנען נעמען פון קדושים א.א.וו.—עס קוקט דאך אוים אלעס קאמעדיאנטיש. קען מען דען געטרייסט ווערן מיט אן הזכרה מיטינג, נאך אזא שרעקלעכן חורבן? אויב מיר יידן האלטן אן טרויער יעדן יאר בערך 6 וואכן (ספירה־צייט) נאך רבי עקיבאס תלמידים, דארפן מיר דאך היינט נישט אויפהערן טרויערן א גאנץ יאר. קענען מיר טאקע אונזער צער און שמערץ (איך מיין דעם וואס פילט און ליידט...) אויסבייטן אויף עפעס א בלעכל—א מעדאל? מיכאל קלעפפיש, העלד און קדוש פון ווארשעווער געטא, שטייט ביי אונז (יידן....) העכער פון הונדערטער „ווירטוטי מיליטארים“. . . . און נאך העכער, הייליקער פון מיכאל קלעפפישן זיינען די טויזנטער יידישע קליינע קינדערלעך, וועלכע זיינען אומגעקומען מיט מיתות משונות . . . . און ווי מיר הערן ניט אויף צו טרויערן אויף רבי עקיבאס תלמידים, אזוי וועט זיך אונזער צער און ביטערניש אויף די היינטיקע פארשניטענע תלמידים קיינמאל ניט אויסוועפן . . . קען טאקע א מעדאל אפצאלן אונזער חורבן?

און פארוואס זאל מען בכלל אויסציילן נעמען? — עס מאכט זער א ביליקן און סוחרישן איינדרוק . . . אויב מען רעדט שוין יא וועגן „ווירטוטי

מיליטארי", טא דאן איז דאס ניט נור מיכאל קלעפפיש ע"ה, נאר אלע, אלע קדושים, אנהויבנדיק פון ראדאמסקער רבי ע"ה (אן איש צדיק), ביז אן עופהלע פון א טאג—זיינען זיי אלע „ווירטוטי מיליטארים"! דער העלד וואס איז געפאלן מיט דער ביקס אין האנד האט ער כאטש זיין טויט געהאט ליכט און אין א געוויסער מאס—זאט פון נקמה . . . אבער קענט איר זיך פארשטעלן אזא בילד: א מוטער ארומגערינגלט פון פלאמען מיט צוויי קינדערלעך אויף די הענט, די קינדער וויינען, דאס פייער ברענט, זי וויל זיי ראטעווען, זי ווארפט זיי דורכן פענסטער, די קינדער בעטן זיך, שרייען: מאמע! . . . און פאלט אראפ מיט זיי . . . (אן אמת בילד אין ווארשעווער געטא). אדער: א קינד בעט א שטיקל ברויט. טאטע־מאמע קוקן צו ווי דאס קינד גייט אויס פון הונגער . . . אזעלכע בילדער זיינען דאך געווען אין די טויזנטער. איז נאך דא אזא מענטשלעך הארץ וואס זאל קאנען דאס צוזען און ניט פלאצן פון צער?

עס גייט אן א נעיעג, א זוכעניש נאך פארטיי־קדושים, נאך העלדן. ווי יענע יידענע וואס איז געלאפן מיט א פרייד איבערן שטעטל: „גאט צו דאנקן א יידיש קינד" . . . (דאס הייסט, דאס געהרגטע קינד איז געווען א יידישס, במילא וועט מען שוין ניט מאכן קיין עלילת־דם). אזוי, להבדיל, טויכט אויף אלע מאל די אדער יענע פארטיי: גאט צו דאנקן דער קדוש געהערט צו מיין פארטיי . . . אזא האנדלונג איז סוהריש און געמיין און, א חילול הקדוש. בעת די קדושים זיינען געשטאנען אונטערן חלף, האבן זיי קיינער ניט געטראכט וועגן דער אדער יענער פארטיי. זיי זיינען אלע געשטארבן מיטן „שמע ישראל!" אויף די ליפן—יעדער אויף זיין אופן!! זיי זיינען די קדושים פון גאנצן פאלק, און מיט קדושים מאכט מען נישט קיין האנדל!!!

היינטיקן ל"ג בעומר, וועלן מחנות יידישע קינדערלעך, מיליאנען קינדער פון יידישן פאלק, ארויסגיין פון זייערע קברים און שפאצירן איבער די פעלדער און וועלדער פון אייראפע. זיי וועלן שפאצירן אליין, אן זייערע „רביים", אן זייערע פירער, ווייל זייערע „רביים" האבן זיי פארלאזט אין זייער נויט און אנטלאפן . . . זיי וועלן זיך צוהערן צום פארטיי געפילדער וואס מיר מאכן דא ארום זיי און וועלן זאגן: „מיר האבן געקעמפט קעגן באוואפנט מערדער און געשטארבן, און דארט האבן יידישע פירער קיין מוט נישט צו באקעמפן א הייפל אנטיסעמיטן, ווייל זיי האבן מורא פאר זייערע פאסטנס . . . צי האט געלוינט אונזער לעבן, אונזער קאמף? . . . ."

ניין, מיר פרייען זיך היינט נישט אין ל"ג בעומר, מיר פרייען זיך אויך נישט וואס דער „רבי" אדער יענער „פירער" האט זיך געראטעוועט... צי וואס דארפן מיר דעם „רבי" אז די תלמידים זיינען נישטא. מיר קלאגן נישט אויף רבי עקיבאן, הגם ער איז אויך געשטארבן א מת קדושים; מיר טרויערן אויף זיינע תלמידים, אויף די קינדער וואס זיינען געגאנגען פאר דער צייט....

וואס עס זאל ניט פארקומען, ווי עס זאל ניט זיין, איינס איז קלאר:



מיט די מערדער פון אונזער פאלק האבן מיר פארענדיקט אויף אייביק; אויף דעם מערדערישן דייטשן פאלק ליגט אן אייביקע קללה; א קללה, וועלכע איז געווארפן געווארן פון מיליאנען אונזערע קדושים פאר זייער שטארבן: „קיינמאל ניט צו פארגעבן די מערדער! נקמה פון די מערדער!" און דער ייד וואס וועט וואגן צו געבן א האנד צו די מערדער, זאל אויף אים רוען די קללה פון אונזערע פארפייניקטע!

און געבענטשט זאלן זיין די וועלכע וועלן אויספירן די צוואה פון אונזערע קדושים!!! . . . .

וולאדיסלאוו בראניעווסקי

## פאר די פוילישע יידן

לזכרון שמואל זיגלבוימען.

ס'הערט זיך נישט מער פון פוילישער שטאט קיין יאוש געשריי,
געפאלן אין דעם געטא די העלדן מוטיק און ניכטער . . .
ווערטער כ'טונק אין בלוט דעם מיינעם, אין הארצן ס'איז מיר א ווי
אויף אייך, פוילישע יידן, מיר, פוילישן וואנדער דיכטער.

תלינים, נישט זעלנער, נישט מענטשן, נאר בלוטיקע הינט
געקומען זיי זיינען, צו פלאגן, צו טייטן, אויסראטן,
מיט גאזן צו דערשטיקן, סאי מענער און פרויען און קינד,
און פון גוסס דעם אנטוואפנטן, דערשראקענעם, צו שפאטן.

דאך ווען דער קאנאניר כלי־זין, ווי חלף א שארפן,
געווענדט אויף הויז אייערס האט, און מיט ציל עס צוצעשיסן . . .
האט איר, מאקאבעער, נישט קוילן ז'כאטש שטיין געטון ווארפן
און געוויזן, אויך שטארבן איר קענט אין קאמף אין א וויסטן.

טוט עס איינקריצן אין פוילנס זכרון, נ'אונזערער הויט:
ס'מאכט אונז פאר ברידער חורבן און שחיטה, געמיינזאמער לייד.
דאכאו, אשוויענטשים און הינריכטונג, יסורים און טויט,
דער נאמענלאזער קבר, די קראטע און די תפיסה־קייט.

איבער ווארשעס חורבה וועט לויכטן איין הימל פארביידן,
ווען לאנגיאריקע מי אונז מיט גרויסן נצחון וועט בענטשן:
פרייהייט און ברויט און רעכט פאר אלע, נישט אונטערצושיידן,
און אויפשטיין ס'וועט ראסע נאר איינע: נאבעלע מענטשן.

---

פון דעם ציקל "BAGNET NA BRON(J)" וואס איז דערשינען דא אין לאנדאן, פארלאג קאליג, אין נאוועמבער, 1943.

איבערזעצט אויס דעם פוילישן אריגינאל, פון א. אלמוג.

נחום שטענצעל

# שמואל זיגלבוים — דער פוילישער ייד

(צו זיין ערשטער יאָרצייט)

ווען שמואל זיגלבוים איז צום ערשטן מאָל אהערגעקומען קיין לאָנדאָן אלס ניי־געוועלטער מיטגליד פונם פוילישן נאַציאָנאַל ראַט מאָר'ן „בונר" זענען די היגע יידישע מאַסן געלאָפן אים הערן און זען, נישט ווייל זיי האָבן געוואָלט הערן דעם בונדיסטישן פירער, נאָר בעיקר דעם פוילישן ייד, וואָס האָט געברענגט די לעצטע גרוסן פונם געפייניקטן פוילישן יידנטום, און וועלכער איז געווען זייערס אַ שליח־ציבור כלפּי דעם גרעסטן שונא פון זייער מאַרטירער געשיכטע.

און עס האָט זיך „געלוינט" זייער טרחה. עס איז דאָ געווען ווען צו הערן און צו זען. אַ שטאָלצער, ערלעכער, פאַר'צער'טער, אָבער נישט געבראָכענער אמת'ער פוילישער ייד איז פאַר זיי געשטאַנען און אויסגעוואַקסן. אויף אים קוקנדיק האָט מען געשפּירט אַז אָט קוקט און רעדט פון אים אַרויס דאָס טראַגישע פוילישע יידנטום ווי מיר אַלע האָבן עס געקענט און ווי מיר פילן עס אין אונזער אייגן מאַרך און ביין.

זיינע עטלעכע רעדעס צו אונז זענען געווען אַ לעצטער אויסגעשריי פון „העלפט, יידן, ברידער". כאָטש ער האָט אונז נישט געניי געקענט זאָגן מיט וואָס אַזוינס מ'קען העלפן.

ווי יעדער שטאָלצער און ערלעכער מענטש איז ער נישט אויסן געווען ביי אונז צו וועקן טרערן, נאָר אַ נקמה־געפיל צום שונא אונזערן וועלכער האָט זיך פאַרגענומען אונז צו פאַרטיליגן; ער האָט געוווסט וואָס עס איז דער לעצטער רצון פון זיינע פויליש־יידישע ברידער, פון זקנים ביז יונגעטשקע קינדערלעך — נקמה פון אונזער שונא האָבן זיי געוואָלט אַז מיר זאָלן נעמען, ווייל ס'איז נישט פאַראַנען עפּעס אַנדערש וואָס מיר קענען טון; ער האָט זייער רצון געוווסט, ווייל ער איז נישט געווען דער טיפּ פון אַ „פירער", נאָר אַ פּשוט'ער יידישער שליח־ציבור אינם יידישלעכן זין פון וואָרט — אַ געשיקטער, אַ רעפּרעזענטאַנט און אויספירער פונם ציבור'ס רצון.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל געגאַנגען זען זיגלבוים'ן האָב איך דאָרט געזען אַ באַקאַנטע פרוי, וועלכע איך קען נאָך פון ווין. זי שטאַמט פון גאַליצישע עלטערן און איז אויפגעצויגן געוואָרן אין ווין. זי פלעגט דערפאַר, ווי אַ סך אַנדערע, איר'ס גלייכן, קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף יידיש, מיטן באַקאַנטן פּזמון, ווי „אויך מיר אַ שפּראַך", „זשאַרגאָן", „נישט גראַמאַטיטשנע" א.אז.וו. נאָך זיגלבוים'ס רעדע קומט זי צו מיר צו אַ טראַנספאָרמירטע און זאָגט: „באמת, איך האָב נישט געוווסט אַז מ'קען אַזוי שיין רעדן אין יידיש". אָט דאָס איז געווען דער הויפּט איינדרוק וואָס זיגלבוים'ס רעדע האָט אויף איר געמאַכט. אַז מ'קען אַזוי שיין רעדן אין יידיש! יאָ, אַז עס רעדט אין איר



אַן אמת'ער שטאָלצער פוילישער ייד, ווי עס איז געווען שמואל זיגלבוים — נישט „אַפּאָלינאַרי" אָדער „איגנאַצי", נאָר שמואל זיגלבוים ז"ל — מוז יידיש זיין שיין, זיס און באַ'חנ'ט און קלינגען בנעימות'דיק. ווי מיר אַלע, וואָס יידיש איז ביי אונז מאַמע־לשון, ווייסן עס. דער קליינער עפּיזאָד איז ביי מיר געבליבן דער שטאַרקסטער אין פאַרבינדונג מיט דער פּערזאָן פון דעם ערלעכן, געטרייען, פּשוט'ן, האַרציגן פוילישן יידן און שליח־ציבור, שמואל זיגלבוים ז"ל, וועמענס יונג און נאַאיוו האַרץ — און וועלכער פוילישער ייד איז אין תוך גענומען נישט נאַאיוו און ערלעך? — האָט געפּלאַצט פון צער, זעענדיק ווי אָט דער פויליש־יידישער ציבור, וועלכער האָט אים דאָ אַהערגעשיקט און אָנפאַרטרויט אַ מיסיע, וואָס ער האָט נישט געקענט אויספירן, ווערט פאַרטיליגט. צו גרויס איז געווען זיין ליבשאַפט צו זיין פאָלק, אַז ער האָט געזאָלט קענען דעם ווייטאָג אויסהאַלטן, און אַזוי נאַאיוו־גלויבנדיק איז ער געווען אַז ער האָט אפילו געגלויבט אַז מיט זיין אייגן לעבן וועט ער אפשר קענען עפּעס איינהאַנדלען פאַר זיינע ברידער אין פוילן.

שמואל זיגלבוים! מיר וועלן דיך אין דיין נקמה־געשריי פון אונזערע פוילישע ברידער נישט פאַרגעסן! כבוד דיין אָנדענקען!

---

## ביים ארון פון ש. זיגלבוים

די רעדע פון מ. מינדעל (פאָרזיצער פון „פריינד פון „בונד" אין ענגלאַנד).

מיר באַדויערן דעם פּלוצלינגן טויט פון אונזער חבר שמואל זיגלבוים, וואָס ער איז אָבגעריסן געוואָרן פון אונז אין מיטן זיין גרויסער טעטיקייט. ער האָט זיך פאַרגומען צו באַאַרבעטן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און אויפהויבן אַ קאַמף פאַרן געמאַרטירטן יידנטום אין פוילן.

חבר זיגלבוים איז געווען אַ קינד פון אָרימע עלטערן. דורך שווערער מי און אַרבעט האָט ער דערגרייכט צו אַ פּאָזיציע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלע פיגור. אָנגעהויבן האָט ער אין דער בונדיסטישער באַוועגונג און אין דער פּראָפעסיאָנאַלער באַוועגונג. חבר זיגלבוים איז געשטיגן שטופנווייז ביז ער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין צענטראַל קאָמיטעט פון בונד. ער האָט נאָכגעפאָלגט די טראַדיציע פון בונד ביז זיינע לעצטע טעג.

חבר שמואל זיגלבוים קאָן בעטראַכט ווערן אַלס אַ גרויסער ייד, אַ געטרייער בירגער פון זיין לאַנד און אַן אינטערנאַציאָנאַלער טוער. (ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל). זיינע פעאיקייטן און דערגרייכונגען האָט ער דערוואָרבן דורך שווערע מי און אַרבעט. אין די לאַנגע פינסטערע נעכט, ביי אָרימע יידישע עלטערן, ביי אַ קליינעם ליכטל איז ער אַלץ קליין יינגל געזעסן און געלערנט שפּראַכן און וויסנשאַפטן. זיין ענטוויקלונג איז אַ שווערע, אָבער זיינע דערגרייכונגען גרויס! זיין אומדערמידלעכער טעטיקייט האָט אים געבראַכט אין באַרירונג

מיט דער גרויסער ארבעטער באוועגונג, וועלכע האט עקזיסטירט דעמאלט אין פוילן.

זיגלבוים האט געהאלטן פאר א פאריניקטן אינטערנאציאנאלן ארבעטער פראנט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

חבר שמואל זיגלבוים ווערט באערט פון יידישע סאציאליסטישע און פוילישע ארבעטער קרייזן אלץ א קעמפער, א מארטירער און אומקאמפראמיסבארער ארבעטער־טוער.

אין נאמען פון די חברים „פריינט פון בונד" אין לאנדאן: מיר זאגן צו בלייבן געטריי פארטצוזעצן דעם קאמף קעגן רעאקציע ביז מיר וועלן דערגרייכן א ברידערלעכע אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט פון פרייהייט און גלייכהייט פאר אלע מענטשן.

ערע זיין אנדענקן.

## שמואל זיגלבוימס לעצטער געזעגנונגס-בריוו

(אדרעסירט צום פרעזידענט פון דער פוילישער רעפובליק
און צו דער פוילישער רעגירונג און דורך איר צום געוויסן
פון דער וועלט.)

איך דערלויב זיך צו אדרעסירן צו אייך מיינע לעצטע ווערטער, און דורך אייך צו דער פוילישער רעגירונג און פוילישן פאלק, צו די רעגירונגען און פעלקער פון אלע אליאירטע מלוכות און צום געוויסן פון דער וועלט.

פון די לעצטע ידיעות, וואס זענען דערהאלטן געווארן פון פוילן, איז קלאר, אז די דייטשן ברענגען איצט אום מיט זייער שוידערלעכער אכזריות דאס ביסל יידן, וואס זענען פארבליבן אין פוילן. הינטער די מויערן פון געטא קומט איצט פאר דער לעצטער אקט פון דער טראגעדיע, וואס האט ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע. די פאראנטווארטלעכקייט פאר דעם פארברעכן פון אויסמארדן די גאנצע יידישע באפעלקערונג אין פוילן פאלט אין דער ערשטער ריי אויף די מערדער גופא, אבער אומדירעקט באלאסטעט די דאזיקע אחריות אויך די גאנצע מענטשהייט, די פעלקער און די רעגירונגען פון די אליאירטע מלוכות, וועלכע האבן ביז איצט ניט געמאכט קיין באמיאונגען צו א ממשותדיקער אקציע פאר אפשטעלן דאס פארברעכן. דורך פאסיוועןן צוקוקן זיך צו דער דערמארדונג פון שוצלאזע מיליאנען געפייניקטע קינדער, פרויען און מענער זענען די דאזיקע לענדער געווארן שותפים פון די פארברעכער.

איך וויל אויך דערקלערן, אז כאטש די פוילישע רעגירונג האט אין א גרויסער מאס ביישטייערט צו באווירקן די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט האט זי עס אבער ניט געטאן אויף א גענוגנדיקן אופן. זי האט ניט געטאן גארניט וואס זאל אנטשפרעכן צו דער אומגעהייערקייט פון דער דראמע, וואס קומט איצט פאר אין פוילן. פון די בערך דריי און א האלבן



מיליאן פוילישע יידן און פון די 700,000 יידן, וועלכע זיינען דעפארטירט געווארן קיין פוילן פון אנדערע לענדער, האבן אין אפריל, 1943—לויט דער אינפארמאציע פון דעם אנפירער פון דער אונטערערדישער בונדישער ארגאניזאציע, וואס איז צוגעשיקט געווארן צו אונז דורך רעגירונג־דעלעגאטן—נאך געלעבט נאר 300,000. און די אויסראטונג האלט ווייטער אן און אויפהער.

איך קאן ניט בלייבן שטיל. איך קאן ניט לעבן, ווען די רעשטלעך פון יידישן פאלק אין פוילן, וועמענס פארשטייער איך בין, ווערן אומגעבראכט. מיינע חברים אין ווארשעווער געטא זענען אומגעקומען מיט געווער אין האנט אין דעם לעצטן העראאישן געראנגל. עס איז מיר ניט געווען באשערט צו שטארבן אזוי ווי זיי, צוזאמען מיט זיי. אבער איך געהער צו זיי און צו זייערע מאסן־קברים.

מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן דעם שטארקסטן פראטעסט קעגן דער פאסיווקייט, מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו און דערלאזט די אויסראטונג פון יידישן פאלק.

איך ווייס ווי ווייניק, א מענטשלעך לעבן איז ווערט ביים היינטיקן טאג, אבער ווייל איך האב ניט געקאנט טאן גארניט בעת מיין לעבן וועל איך אפשר מיט מיין טויט מיטהעלפן, אז עס זאל געבראכן ווערן די גלייכגילטיקייט פון די, וועלכע האבן די מעגלעכקייט צו ראטעווען איצט, אפשר אין לעצטן מאמענט, די נאך פארבליבענע פוילישע יידן. מיין לעבן געהערט צום יידישן פאלק אין פוילן און דערפאר גיב איך עס אים אוועק. מיין ווונטש איז, אז דאס ביסל, וואס וועט פארבלייבן פון די פאר מיליאן פוילישע יידן, זאל דערלעבן צו זען, צוזאמען מיט דער פוילישער באפעלקערונג, די אויסלייזונג, וואס קען פארווירקלעכט ווערן אין פוילן, אין א וועלט פון פרייהייט, גערעכטיקייט און סאציאליזם. איך גלויב אז אזא פוילן וועט אויפשטיין און אז אזא וועלט וועט קומען.

איך בין זיכער, אז דער פרעזידענט און דער פרעמיער־מיניסטער וועלן איבערגעבן מיינע ווערטער צו די אלע, צו וועלכע זיי זענען געווענדט און אז די פוילישע רעגירונג וועט באלד אנהייבן די אנטשפרעכנדיקע אקציעס, אויפן דיפלאמאטישן געביט, פאר די, וועלכע לעבן נאך. איך זאג מיין „זיי געזונט" צו אלעמען און צו אלץ, וואס איז מיר טייער און וואס איך האב ליב געהאט.

**שמואל זיגעלבוים.**

## די טראגעדיע שמואל זיגלבוים

ווי בערעק יאסעלעוויטש איז געבליבן דער יידיש־פוילישער העלד, אזוי וועט שמואל זיגלבוים בלייבן דער יידיש־פוילישער קדוש. און אין דעם איז באשטאנען די טראגעדיע זיגלבוים: דער הונדערט־פראצענטיקער פוילישער פאטריאט האט זיך נישט געקאנט פארשטעלן קיין עכט יידיש לעבן מחוץ די דלד־אמות פון פוילישער ערד.

יאָ, מיר דאַ קאָנען מיט אַ ריין געוויסן נישט זאָגן „ידינו לא שפכו את הדם הזה“, פון דעם אַליין שוין, ווייל מיר האָבן נישט דאַ אַזאַ יידיש לעבן, אַז ס'זאָל זיך באמת לוינען דערפאַר צו לעבן און קעמפן, ווען דאָס פוילישע יידנטום, חלילה, ווערט גאַנץ פאַרטיליקט און אָפּגעמעקט פון דער פוילישער ערד.

אמת, דער פוילישער ייד איז ניט דאָס גאַנצע יידנטום, איז נישט דער מקור פון יהדות; אָבער דער שטאַם פון גאַנצן יידנטום און פונ̇ם פאַרוואָרצלטן יהדות איז עס! דער פוילישער ייד איז די מאַסע פונם יידנטום, דער אוואַנגאַרד פונם יהדות, און ווי קאָן אַ רעוואָלוציאָנערער פירער, אַזוי פאַרוואָרצלט מיט זיין ערד, אַזוי פאַרבונדן מיט דער מאַסע ווייטער לעבן, אַז דאָס לעבן איז אין גאַנצן אויסגעראָטן חלילה.

שמואל זיגלבוים אויב ער איז געווען אַ יידישער פאַרטרעטער דאַ ביי דער פוילישער רעגירונג איז ער נישט יענער מאַשקע, וואָס די פוילישע רעגירונג פירט מיט זיך מיט אין גלות, פונקט ווי זי שלעפּט מיט זיך מיט אירע אַנטיסעמיטן . . . זיגלבום איז דער פאַרטרעטער געווען פון דער פוילישער־יידישער מאַסע און געקעמפט איר קאַמף און ער וועט בלייבן אין דער פויליש־יידישער געשיכטע דער קדוש פון יידישן פוילן ווי בערעק יאָסעלעוויטש, דער העלד.

און דאָס איז געווען זיין טראַגעדיע, ווייל ער איז נישט געווען דער העלד, נאָר דער מאַרטירער — ער האָט בעסער פון זיין לעבן געמאַכט אַ סוף, איידער ער זאָל העלדיש קאָנען באַשליסן! ער האָט זיין לעבן ליבער געטויט, איידער זיין פויליש־יידישקייט געטיילט —

היינט אַ יאָר, ווען דער אוואַנגאַרד פון דער יידיש רעוואָלוציאָנערער מאַסע דאַ אין ווייטשעפּל האָט גערופן אַ פערזאַמלונג קעגן דער „קאַטין“־קאָנפליקט פון דער פוילישער רעגירונג און געפאָדערט, אַז די צוויי יידישע פאַרטרעטער זאָלן אַרויס פון דער פוילישער רעגירונג (היינט פאַדערן עס שוין אויך גאַנץ אַנדערע קרייזן. . . .) האָט דאָס הארץ אונז געציטערט פאַר שמואל זיגלבוים—ווייל מיר האָבן געקענט זיין ערלעכקייט און זיין ריינקייט! געהערט ער דען נישט דער „חבר אַרטור“ צום אוואַנגאַרד פון דער יידישער מאַסע?

דריי טעג נאָך דער פּראָטעסט פאַרזאַמלונג אין ווייטשעפּל קעגן דער „קאַטין“־קאָנפליקט פון דער פוילישער רעגירונג איז חבר שמואל זיגלבוים געוואָרן טויט! די פּראָטעסט־פערזאַמלונגען, וועגן פאַררופן געוואָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער יוגנט (און פון יידישן קולטור־קלוב) דאַ אין ענגלאַנד. און דעם רעוואָלוציאָנער און מאַרטירער שמואל זיגלבוים איז לייכטער געווען פריייוויליג אַרויסצוטרעטן פון לעבן, איידער זיין פויליש יידישקייט צוצעטיילן — עס איז געווען זיין גרויסע ליבע צו דער פוילישער ערד און זיין הויכער גלויבן אינעם פוילישן ייד.

**א. נ. ש.**



משה עובד

## דער תחית המתים פון חד גדיא

איף דער מוצאי יום־טוב לויה,
פון דער חד־גדיא חבריה
קלימפּערן די „צוחקה תציל ממות“־פּושקעס,
בעטלען ברויט פאַר לייִדיקע קושקעס,
מיט אַ קלימפּער אַ מילדען ווילדען,
צווייי גילדען, צווייי גילדען,
צווייי גילדען! צווייי גילדען.

פון פעסטונג פון טויט, פון טויט זאַט, איבערזאַט!
פליט אַרויס, חי געלעבט, דאָס ציגעלע,
ווי עס וואָלט בפירוש געזאָגט
איף יעדן אַקסעלע אַ פליגעלע,
אין מאַרק אַריין ווי אויף שרויפן
טוט עס לויפן זיך צו פאַרקויפן
צווייי גילדען, צווייי גילדען,
צווייי גילדען! צווייי גילדען!

און דאָס קעצעלע, חי געלעבט, שפּרינגט אַרויס,
פון איר תכריכים־הויט,
ווי עס וואָלט נאָך קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט געווען טויט,
ס'וואַקסן אירע זולל־וסובאדיקע אַפּעטיטן,
שנעלער ווי עס גאַלאָפּירן
די מינוטן און די בליטן.

און דאָס הינטעלע מיטן גלעקעלע,
מיטן פייערדיקן שטעקעלע,
וואָס זעט אויס ווי דער סצעפּטער פון אַ קיסר,
שפּרינגט, חי געלעבט, אין פייער און אין וואַסער,
פון פייער נאָך הייסער,
פון וואַסער נאָך בלאַסער און נאַסער.

און עס עפּנט דער אָקס,
ווי צווייי גילדען, צווייי גילדען
אַן אויג נאָך אַן אויג:
„אייביק זיין טויט!“
מרומשעט ער „צו וואָס טויג? צו וואָס טויג?“

און ער בריקעוועט, חי געלעבט, מיט א פוס,
שיקנדיק ערגיץ־ווו צו א קו,
א גרוס פון געגנוס.
און פאר צווייי גילדען, צוויי גילדען, שחיטה געלט,
שטייען אויף שוחטים, חי געלעבט! מ'שעכט אויס א וועלט.
מ'שינדט, מ'שינדט, מ'טרייבערט, עס גייט א רויך!
עס פלאצט אזש ים־הארץ, לופט־לונג און הימעל־בויך.

און פונם דונערן פון „צדקה תציל ממות״,
און פונם בליצן פון „צוויי גילדען, צוויי גילדען״,
שטייט אויף, חי געלעבט, דער מלאך המות,
און באצאלט מיט פראצענט זיינע שולדן;
ער ווייס נישט פון קיין קאטאוועס!
אין גאט און אין זיינע קינדער
איז ער זיך נוקם ונוטר,
ווי עס קען נאר א מלאך המות,
וואס איז אליין געווען א טויטער . . .

---

אליהו פאלושאק

## אן ארמיי גייט נאך אייראפע

(ווער וועט ראטעווען די אייראפעאישע קולטור?)

געווידמעט דעם אנדענקן פון מיינע
פריינט אברהם און העלענא וויינשטאק,
קרבנות פון לובלינער געהעטא.

וועט מען ראטעווען די אייראפעאישע קולטור? ווער וועט ראטעווען די אייראפעאישע קולטור? אפשר קענען מיר דאס רעשטל אייראפעאישע יידן בייטראגן צו ראטעווען די אייראפעאישע קולטור. אפשר וואלטן מיר געקאנט בייטראגן און העלפן אייראפע. אבער פארוואס און צו וואס זאלן מיר זיך ארויס־שטופן דאסמאל און נאכאמאל און ווען באווייזן דער גארער וועלט אונזערע קלוגקייט און געשיקטליכקייט? מיט די רוימישע לעגיאנען פאר 2000 יאר זיינען מיר איינגעוואנדערט קיין אייראפע פון דרום קיין מערב און פון דארט קיין מזרח. און אין כמעט יעדער עפאכע פון די דאזיקע וואנדערונגען האבן מיר מיטגעהאלפן צו אנטוויקלען האנדעל און וויסן — קולטור. נישט סתם אדער בלויז יידישע קולטור, נאר אלגעמיין־אייראפעאישע.—ווייניקע ווייסן, אז דארט ווו מען קעמפט זינט וואכן אין איטאליען אויפן הייליקן מאנטע קאסינא, ווו עס איז געשטאנען די באקאנטע ריזיקע בענעדיקטינער אבטיי; אז דארטן איז דער גרעסטער אבט קאנסטאנטינאס, וועמענס שריפטן בילדן א גרויסער אוצר פון דער ליטעראטור און היסטאריע פון 11־טן יארהונדערט;



געווען א קינד פון יידישע עלטערן, אויסגעבילדעט און ערצויגן אין דער שולע פון יידישע און מחמעדאנישע געלערנטקייט. וויסנשאפט און בילדונג אלס פרייע פאקטארן פון מענטשלעכן גייסט זענען אינם אייראפע פון דער דערמאנטער צייט געלעגן אין די הענט און מוחות פון אראבער און יידן.

און אין די לעצטע 150 יאר, ווען די עמאנציפאציע האט זיך צו אונז יידן צוגעהנפט און אונז געבעטן מיטצוהעלפן און מיטצוארבייטן אין אלע אייראפעאישע קולטור־און מענטשהייט אידעאלן—איז דען דא איין געביט און צווייג פון מענטשלעכן גייסט, ווו יידן האבן נישט ארויסגעוויזן זייער טאלענט און קאנסטרוקטיוון גייסט? — און ווען פעלקער און לענדער אין דער אייראפעאישער פעלקער־משפחה זענען געווען אין נויט, האבן מיר קיינמאל נישט געווארט ביז מען האט אונז געבעטן צו העלפן. מיר האבן געהאלפן, ווייל מיר האבן געוואלט זיין גוטע אייראפעער. די אמתע אייראפעאישע פעלקער האבן אמאל, און דער וועלט פון נעכטן באמתדיק געוואלט האבן, אז מיר זאלן זיין אייראפעער. און מיר זיינען טאקי געווען אזעלכע גוטע אייראפעער, אז מיר האבן פארוואדלאזט און פארנאכלעסיקט אונזער אייגענע נאציאנאל־יידישע אינטערעסן ביז א פרעמדע שנאהדיקע האנט האט אונז געגעבן א קלאפ מיט א האמער אויפן קאפ און מיר האבן זיך דערמאנט: „כרמי שלי לא נטרתי״.

ניין, דאס מאל וועלן מיר נישט זיין איליק, ווען עס וועט קומען די צייט צו ראטעווען די אייראפעאישע קולטור. מיר זיינען אויך נישט געווען די יעניקע, וואס האבן פראבירט צו צערשטערן די „הייליקע״ ציוויליזאציע פון אייראפע. די פיינסטע יידישע גייסטער פונם אייראפעאישן קאנטינענט האבן געווארנט און געזען די קאטאסטראפע און די קומענדיקע אייראפעאישע טראגעדיע.—אייראפע האט געשוויגן מיט טאטן, דאס אייראפעאישע געוויסן איז געווען טויט, ווען טויזענט יאר יידיש קולטור־שאפן אין דייטשלאנד איז געווארן צערשטערט אין איין נאכט. נישט חלילה אין מלחמה צייט, נאר כמעט א יאר פאר די צווייטע וועלט־מלחמה.

---

ס'זיינען כמעט פארלאפן פיר יאר, ווען די דייטשע ארמייען האבן געמאכט זייער „שפאציר־גאנג״ דורך האלאנד און בעלגיע, און פון דארט נאך פראנקרייך. דעמאלט איז אויסער די ארמייען פון די דערמאנטע לענדער געשטאנען אינם קאמף אן עקספעדיציאנס־ארמיי פון ענגלאנד.. ווען עס איז דעמאלט אנגעקומען די ידיעה, אז א דייטשע טאנק־דיוויזיע איז אריבער די בריק פון מאאסטריכט, האבן מיר געוווסט, אז די מאזשינא־ליניע איז ווערט א אויסגעבלאזן איי; ווען מיר האבן געלעזן אדער געהערט, אז די דייטשן האבן דורכגעבראכן די פראנצויזישע ליניעס פון צפון־פראנקרייך און זיינען אריין אין סעדאן, האבן מיר געוווסט, אז דער וועג נאך פאריז איז אפן; ווען דייטשע אויטאמאבילס מיט האריא־הילכערס האבן אנאנסירט אין פראנצויזיש, אז דייטשע מחנות זיינען שוין אין אבבעוויל (און באמתדיק איז עס נאר געווען א קליינער אוואנגארד) האבן מיר באקומען דאס געפיל אז די צפונדיקע ברע־

געס פון פראנקרייך וועלן באלד זיין אין דייטשע הענט, און צוויי שונאים, פארביטערט און מיט נישט גלייכע כחות — דייטשלאנד און ענגלאנד — וועלן שטיין פנים לפנים.

אט אין דער דאזיקער צייט האבן 3000 בריטישע זעלנער געקעמפט אן אויסזיכטסלאזן קאמף קעגן א גרויסע דייטשע איבערמאכט אין דער אלטער פראנצויזישער האפנשטאט קאלע. די ענגלישע ארמיי איז געווען אנטוועדער ארומגערינגלט פון פארשידענע זייטן אדער כמעט אפגעשניטן פונם ים. די דייטשן האבן שוין געשארפט זייערע ציינער צו נעמען געפאנגען די גרויסע מחנה מיט האק און פאק. — דער בריטישער קאמאנדיר פון קאלע האט דריי טעג באשעפטיקט א גרויסע מחנה פון שונא׳ס לאגער און געמאכט מעגליך פריי צו האלטן די זאמדיקע ברעגעס פון דונקירק . . . פון די 3000 העלדן איז כמעט קיינער נישט געבליבן לעבן. דער שאנד-פלעק פון א פארראטענעם אייראפע און אייראפעאישן געוויסן איז אפגעוואשן מיט דעם בלוט פון דריי טויזנט העלדן.

דונקירק וועט אריינגיין אין די ענגלישע און די אייראפעאישע געשיכטע אלס א וואונדער, ווי דער מיראקל פון דער מארנע-שלאכט אין 1914. די ענגלישע עקספעדיציאנס-ארמי׳ איז געווארן געראטעוועט. אן ארמיי — א נאקעטע, א בארוויסע, אן כלי-זין ! . . . אהיימגעקומען האט א פרייע פרעסע זיי באגריסט אלס העלדן. און אין דער צייט ווען פראנקרייך, דאס פארקויפטע און פארראטענע, האט זיך אנגעהויבן צוצוגעוווינען צו קושן די שטיוול פון „ניי-דייטשלאנדס“ סאלדאטעסקא, איז דא נאך דעם און דורך דעם מיראקל פון דונקירק און דעם גייסט פון די 3000 העלדן פון קאלע, דא אין לאנדאן, געווארן געבוירן דער גייסט פון ווידערשטאנד און דאס אויפגעוואכטע אייראפעאישע געוויסן.

די וועלט: גרויסע און קליינע פעלקער, אפילו די בעסטע פריינט האבן פאראויסגעזאגט, אז ענגלאנד אלס גרויסמאכט און מלוכה געהער שוין צו דער פערגאנגענהייט. ענגלאנד אן טאנקס, מיט א פאר הונדערט קאמף-פליגמאשינען און א פאר טוץ באמבען-עראפלאנס, מיט א קליינע ארמיי און ווייניג כלי-זין וועט נישט קענען אויסהאלטן קיין זעקס וואכן קעגן די שטארקסטע מיליטער-מאכט פון דער וועלט. עס איז צו האפן, אז די יידישע גאס האט נאך נישט פארגעסן וועלכע געפילן עס האבן דאמאלט געהערשט אין אונזערע הערצער. דעמאלט האט עס דאך געהייסן: היטלער אנטע פארטאס ! — דער שונא שטייט פאר די טויערן ! . . .

וואס ס׳איז ווייטער געשען ווייסן מיר. א ספארט-ליבענדיק פאלק שארט ארויף די ארבל און נעמט זיך צו דער ארבייט. און מען האמערט און שמידט די כלי-זיין פונם גרויסן ווידערשטאנד ! די פאר הונדערט ספיטפייערס נעמען אויף דעם קאמף און מאכן א תל פון שונאס לופטוואפע, און אין דערזעלביקער צייט רופט די נאציע די זין און די יינגע טאטעס ארויס פון דער וואריימער היימישער שטוב צו די קאזארמעס. ס׳הייבט זיך אן א הארטע צייט פון



אויסדויער און דיסציפלין . . . ס׳ווערט געבוירן די גרויסע ארמיי פון ווידערשטאנד קעגן בארבאריזם — די ארמיי פון שאפנדע און קעמפנדע ! די העלדן פון קאלע שטיין אויף תחית המתים, אבער נישט דריי טויזנט . . . ניין — דריי מיליאנען, א ריזן ארמיי. און די דאזיקע ארמיי וועט גיין נאך אייראפע.

---

מיט 130 יאר צוריק איז אן ארמיי געגאנגען נאך אייראפע. נאפאלעאן האט באהערשט אייראפע און האט מארשירט קעגן רוסלאנד. רוסלאנד האט זיך פארבונדן מיט דעם דעמאלטיקן פרייסן און דעם עקשנותדיקן ענגלאנד, צו באקעמפן נאפאלעאנס מאכט. די וועלט היסטארישע באראדינא שלאכט און די שלאכטן ביי לייפציג און וואטערלו האבן געמאכט א סוף צו נאפאלעאנס מאכט. אייראפע האט געגלויבט, אז עס האט זיך באפרייט פון דער געוואלט פון א מיליטערישן טיראן. דער גלויבן איז געווען א פאלשער. נאך דעם באפרייונגס אקט האט די פאליטישע אינטריגע און די פינצטערע רעאקציע געשפילט די ערשטע פידעל אינם אייראפע פון דעמאלט. אויפן ווינער קאנגרעס איז נישט געווארן געבוירן שלום און פרייהייט פאר די פעלקער, נאר די „הייליקע אליאנץ“. די ערא מעטערניך. דער פרייער גייסט, וואס איז געווארן געשאפן דורך די פראנצויזישע רעוואלוציע איז געווארן געלייגט אין קייטן — אייראפע איז געווארן א געפענגעניש און א פאליטישער ציטאדעל.

ווי וועט עס איצטער זיין, ווען אן ארמיי וועט גיין נאך אייראפע?

מיר ווילן, אז זיי זאלן געווינען די דאזיקע הייליקע מלחמה קעגן פאשיסטישער אינקוויזיציע און בארבאריי. מער נאך, מיר ווילן — זיי זאלן געווינען פאר זיך און פאר אונז דעם שלום.

דער זעלנער פון היינט קען זיין דער פאליטיקער פון מארגן. דער זעלנער מוז געווינען די מלחמה, דער פאליטיקער — דעם שלום.

די ארמיי וואס גייט נאך אייראפע גייט ארויס מיט א מיסיע. די דאזיקע מיסיע איז: 1) צו פארניכטן דעם שונא, וואס האט שוין כמעט צערשטערט די גוטע מענטשלעכע מדות און די אייראפעאישע קולטור. 2) אויפריכטן, טרייסטן און אויפשטעלן אויף די פיס די פעלקער, וואס זיינען געווארן פארשקלאפט, אויסגעהונגערט און געמארדעט אונטער דער הערשאפט פון די בארבארן, און 3) העלפן צו ארגאניזירן און אויפבויען א נייעם פרינציפ פון זיכער, מאראלישער, עקאנאמישער און קולטורעלער ארדנונג, און אז א צווייטע אייראפעאישע טראגעדיע פון בלוט און אייזן, פארניכטונג און פארשקלאפונג זאל זיך נישט אזוי גיך (אדער קיינמאל נישט מער) איבערחזרן.

---

ביי דער דרייפאכער מיסיע פון דער דערמאנטער ארמיי וועט אויך זיין באטייליגט די עליטע פון דער יידישער יוגנט דא אין לאנד: די זין און די אייניקלעך פון די איינגעוואנדערטע יידן פון מזרח-אייראפע. זייער פראצענט אין דער ארמיי איז ווי מען זאגט, א גרעסערער ווי פון ביט-יידן. זיי וועלן נישט גיין ראטעווען די אייראפעאישע קולטור, נאר צו פארניכטן דעם שונא, אונ-

זער שונא, וואָס איז אויך גלייכצייטיק דער שונא פון יעדער אמתער קולטור און פון דער אייראָפּעאישער מענטשהייט.

אַן אַרמיי גייט נאָך אייראָפּאַ און אַלע גוטע ברכות געבן מיר זיי מיט אויפן וועג.

י. ריכטיגער

## ארץ ישראל אדער אן אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיע ?

(רעפלעקסיס צו י. ה. לעווים אַרטיקל: „וואָס קאָנען מיר יידן געווינען אין דער איצטיקער מלחמה״).

אין פּסח נומער „יידיש-העפטל״ פרעגט דער חשובער דיכטער יוסף הלל לעווי פיר קשיות דעם יידישן פאָלק: 1) וואָס האָבן מיר יידן צו דערוואַרטן ווען די שלאַכטן וועלן שוין זיין אויסגעפאָכטן און פאַרענדיקט? 2) ווער וועט זיך דאָס וועלן פאַרנעמען מיט די ספּעציפיש יידישע צרות, פּיין און הילפלאָזיקייט, וואָס וועט זיכער נישט אויספעלן אין אַלע לענדער? 3) צי קענען אפילו פינף מיליאָן באַוואָפנטע יידן אין פּאַלעסטינאַ פאַרזיכערן דעם יידישן קיום? 4) נאָכדעם וואָס די לעצטע אייראָפּעאישע טראַגעדיע האָט אונז בולט באַוויזן, ווי קליינע פעלקער ווערן פאַרשלונגען און פאַרצייקט, ווי „אַזוי״ זאָל פּאַלעסטינאַ אונז יידן קענען באַשיצן?

אויף די ערשטע צוויי קשיות ענטפערט ה׳ י. ה. לעווי מיטן סקאַרבאָווען „עבדים היינו״ שקלאַפן זיינען מיר געווען, און ער לייגט נאָך אונז אַ שטיין אויפן האַרץ, אַז מיר וועלן עס אויך אויף ווייטער פאַרבלייבן. דאָס איז וואָס ער שרייבט: —„מיר יידן וואָס זיינען איבעראַל אַ מיעוט, וועלן עס אויף ווייטער פאַרבלייבן און געניסן אַלע באַשרענקונגען פון אַ מינאָריטעט—אָבער זיכער ניט די רעכטן״. און אויף די לעצטע צוויי קשיות ענטפערט לעווי אפילו קיין תירוץ ניט, נאָר ער גיט פשוט אַן עצה זיך אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ די ארץ-ישראל אילוזיעס און זיך נעמען צו פּראַקטישער אַרבעט. י. ה. לעווי פרעגט די יידישע מאַסן „צי וואָלט נישט פיל וויכטיקער געווען צו פאָדערן ביי אַ פרידנס-קאָנפערענץ אַן אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיע פאַר אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט, וואָס קיין שום רעגירונגס-ווערקסל זאָל זי נישט קאָנען פאַרענדערן, סיידן דער גאַנצער רעכט-קאָדעקס וועט ווערן אומגעענדערט אין וועלכן ניט איז לאַנד, ווי דער גאַנצער טומל און פאַרצווייפלטער קאַמף אַרום פּאַלעסטינע . . .״ דאָס מיינט אַז ביי די אידישע מאַסן דאַרף גאָר קיין שום ספק נישט זיין אַז די בעסטע זאַך פאַר זיי איז צו פאָדערן ביי די צוקונפטיקע שלום-קאָנפערענץ עפּעס אַזאַ „אַ קורץ גאַראַנטיע״ און ניט ארץ ישראל.

די ערשטע פראַגע וואָס יעדער לאָגיש דענקענדער מענטש וועט שטעלן, וועט זיכער זיין: ווער וועט גאַראַנטירן די גאַראַנטיע? ה׳ לעווי זאָגט דאָך אַליין, אַז פון „די לעצטע רעדעס פון רוזוועלט, טשאָרטשיל און ווילקי, וועלכע גילטן: אַז פונקט אַזוי ווי ס׳קענען זיין פאַרייניקט פאַרשידענע נאַציעס, מיט



פאַרשידענע רעליגיעס, וועלן זיך אויך קענען פאַרייניקן פאַרשידענע ווירטשאַפטליכע סיסטעמען—דאָס מיינט, מען קען מיט סאָוויעט-רוסלאַנד אויך זיך פאַרטראָגן, און דאָס אַלטע רעדל פאָרט ווייטער דרייענדיק. . .״ טאָ קאָנען דאָך אויך די יידן ניט ערוואַרטן צו באַקומען פון אַזאַ וועלט-אָרדנונג אַן אמתע אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיע, וואָרים אויב אַלעס בלייבט ביים אַלטן ווער וועט דאָס שטערן רומעניען און אַנדערע אַנטיסעמיטישע לענדער צו פאַרפאָלגן יידן? אַז געוויינלעכע טראַקטאַטן העלפן נישט האָט מען זאַט זיך גענוג שוין געהאַט דערפאַרונג אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר, און כדי צו זיין לאָגיש מוז מען קומען צום אויספיר, אַז די יידן קאָנען נאָר דאַן באַקומען אַן אמתע גאַראַנטיע, ווען עס וועט זיין עפּעס אַן אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציע וועלכע וועט זיין בכוח אַרויפצוצווינגען אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן אויף די פעלקער. איצט אויב עס וועט עקזיסטירן אַזאַ אינסטיטוציע האָבן די ערשטע צוויי קשיות וואָס ה׳ י. ה. לעווי פרעגט זיכער קיין שום זין ניט מער, און די דריטע קשיא פאַלט אויך אינגאַנצן אַוועק. וואָרים עס וועט ניט מער נויטיק זיין צו האָבן פינף מיליאָן באַוואָפנטע יידן אין ארץ ישראל כדי צו פאַרזיכערן דעם יידישן קיום. עס וועט גענוג זיין פינף מיליאָן געוויינלעכע יידן, און דער יידישער קיום וועט ווערן פאַרזיכערט דורך דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער אינסטיטוציע, ווי דער קיום פון יעדן אַנדערן פאָלק.

כדי צו באַלויכטן די פירטע קשיא ברענגט ה׳ י. ה. לעווי אַ באַווייז פון דער לעצטער אייראָפּעאישער טראַגעדיע, ווי קליינע פעלקער זענען פאַרשלונגען און פאַרצייקט געוואָרן. אמת! היטלער האָט געוואָלט פאַרשלונגען די קליינע פעלקער, ער האָט אָבער ניט אויסגעפּועלט זיי צו פאַרצוקן און ער מוז זיי שוין אויסברעכן מיט דער גרינער גאַל. סאָוויעט-רוסלאַנד האָט באַוויזן מיט דעם אַקט פון געבן צו אַלע פעלקער פון דער סאָוויעט-יוניאָן נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אויטאָנאָמיע און מיטן פאַרזיכערן פון סוווערעניטעט-רעכט צו טשעכיע, פוילן און אפילו פינלאַנד און רומעניען, אַז די קליינע פעלקער וועלן ווייטער עקזיסטירן. אָן ספק וועלן אויך בעלגיע, לוקסעמבורג, האָלאַנד, דענעמאַרק און נאָרוועגיען צוריק ווערן אויפגעשטעלט. וואָרים אפילו אַזאַ אונטערשטעליק לאַנד ווי אַביסיניען עקזיסטירט אויך ווייטער. טאָ פאַרוואָס זאָל אַ יידיש ארץ ישראל נישט קאָנען באַשטיין?

דער אמת איז אַז אויב דער מאַקסים פון „כל האלים גבר״ וועט ניט מער ווערן צוגעפּאַסט און מען וועט קאָנען אַרויפצווינגען אויף פעלקער דעם פּרינציפּ פון זיכערקייט און רעכט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, דאַן וועלן די יידן באַקומען ארץ ישראל און זיי וועלן אויך קאָנען האָבן אַן אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיע אין דער דיאַספּאָראַ. ה׳ י. ה. לעווי איז אָבער דערמיט נישט צופרידן, לויט אים פּאַסט עס ניט פאַר אַזאַ אתה בחרתנו פאָלק ווי דאָס יידישע, זיך אָבצוגעבן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן ווי האָבן אַ אייגענע היים. פאַר אַ פאָלק וואָס האָט הינטער זיך אַזאַ מאַרטיראָלאָגיע איז ניט שיין זיך צו טומלען אָדער צו פירן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף איבער אַ לאַנד. אַזאַ פאָלק ווי דאָס

יידישע, וואָס איז אויסגעווילט געוואָרן פון דער השגחה צו ליווערן זיין בלוט אנשטאָט אייל פאַר די רעדער פון וועלט־רעוואָלוציעס, דאַרף בעסער קעמפן פאַר אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס, ביז עס וועט אויפשיינען גאָטס ליכט אין די הערצער פון די יאַשעקס און וואַיטעקס און זיי וועלן פאַרשטיין דעם זין פון לעבן, וכו׳.

## א מעלדונג פון אונזערע „העפטלעך“

מיר האָפן דאָס די קומענדיקע „העפטלעך“ וועלן ווערן געדרוקט אין 32 זייטלעך אנשטאָט 16, און יעדער עקזעמפּלאַר וועט דערפאַר קאָסטן 1/־ אנשטאָט 6 פענס.

## יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38 אָדלער סטריט. — 3 אַזייגער נאָכמיטאָג).

שבת, דעם 6־טן מאַי, וועט זיין די טראַדיציאָנעלע ל״ג־בעומר פייערונג. דוב וואַרשאַווסקי וועט האַלטן אַ פאָרטראָג „בר־כוכבא און די געטאָ־העלדן“. מען וועט פאַרלייענען פון די יידישע דיכטונג איבער בר־כוכבא און לידער געווידמעט דער יידישער געטאָ.

שבת, 13־טער מאַי, וועט זיין געווידמעט דעם טויט פון שמואל זיגלבוים. דער אַרבעטער־און קולטור־טוער, מ. מיטדל, וועט האַלטן אַ פאָרטראָג איבער דעם בונדישן פירער שמואל זיגלבוים. די שוישפילערן דאָראַ דימאַנט וועט דעקלאַמירן איציק מאַנגער, וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי לידער, געווידמעט שמואל זיגלבוימען. י. ביעטש וועט לייענען ה׳ לייוויקס אַרטיקל איבער ש. זיגלבוים.

שבת, דעם 20־טן מאַי, וועט זיין אַ שבת געווידמעט די קולטור־טעטיקייט אין דער יידישער לאָנדאָן. ס׳וועלן זיך באַטייליקן מיטגלידער פון אַלע פאַרטייען און קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

שבת, דעם 27־טן מאַי, ערב שבועות, וועט זיין די טראַדיציאָנעלע שבועות פייערונג. פאַרלעזונגען און רעציטאַציעס פון די ווערק פון אונזערע פּראָזע־און פּאָעזיע קלאַסיקער, וועלן געהאַלטן ווערן. עס וועלן אויך פאַרלייענען אייזיק גאָלדבערג, ש. ראָטה א.א.

א. נ. שטענצל

פערלאַג י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סטריט, א.1.

פרייז 9 פענס

52



# יידיש-לשון

## דאס פנים פון א פאלק

(נאָר איינציקע שטריכן דערפון)

„לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה אשר בשמים ממעל ואשר בארץ מתחת ואשר במים מתחת לארץ“.

.1

טויזנטער יאָרן מוז עס דויערן ביז דאָס מענטשלעכע פנים באַקומט דעם צלם אלוקים! און מיט טויטן־מאַסקעס פון גאַנצע דורות פאַרעמט זיך דאָס לעבעדיקע פנים פון אַ פאָלק. אין זיינע איינגעקאַרבטע שטערן־פאַלטן מוז מען שפירן דאָס וויגן פון די וואַנדן, פון יענעם קלימאַט אין וועלכן עס פאַרעמט זיך; דער ריח־געשמאַק פון יענער צעאַקערטער ערד מוז דערפון אַרויסשמעקן! פון זיינע זשמורענדיקע וויעס און געדיכטע ברעמען מוזן אַרויסקוקן די באַוועלדערטע טייכן, צעציטערטע מיט זון, מיט אונטערגאַנג און מיט אויפגאַנג.

און דאָס אויסגעקנאָטענע פרצוף־פנים איז ערשט בלויז דער נעגאַטיוו, פון וועלכן ס׳ווערט „אַראָפּגענומען“ און רעטושירט דאָס גייסטיקע בילד פונם פאָלק.

די געזעצמעסיקייט פון דער אַרומיקער נאַטור, די אויסערלעכע געשעענישן און קאָנפליקטן,—דער שווערער און האַרטער דרוק פון דער געאָרדנטער וועלט אויפן אינדיווידום, פון פערזענלעכן ווילן אויף די צוזאַמען זיך האַלטנדיקע מאַסע,—לאָזן איבער זייערע בולטע און טיפע שפורן, זיי שניידן ווי מיט געשאַרפטע מעסערס זייער קין־צייכן; זיי זיינען אָבער ווי די אותיות אין דער חתימה, וועלכע זיינען אין איר פאַרקערט אויסגעשניטן!

און דאָס איז דער גאַנצער סוד פון מענטשלעכן שאַפן, אַז דער פערזענלעכער חותם,—דער שאַרפער דרוק אויף אייגענעם לייב און לעבן! — זאָל געהייליקט פאַרגייסטיקט ווערן, און מיט דער היילנדיקער הילף פון זיין פאַרמאַטערטן איך, זאָלן אַלע ווייאיק־וווּנדיקע און צעשראָמטע איינדרוקן צוריק באַקומען זייערע ערשטע אור־פאָרמען; דער „נעגאַטיוו“ באַלויכטן פונם שעפעריש־גייסטיקן און באַגייסטערטן אינם פאָלק באַקומט דעמלט זיין אייגן וויזיע־בילד — דאָס איז די התגלות אינם פאָלק! די מאַסע גופא ווערט דעמלט נתגלה! עס איז ענטפלעקט און פסיכיש דערלייזט, זיינע שורש־וואָרצלען שפירט עס אונטער זיינע טריט און אַלע הימלען זיינען אים אָפן און פריי איבערן קאָפּ.

דער גייסטיק דערלייזטער, וועלכער איז שוין נישט מער אין קאָנפליקט